**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/18/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט ענערגיע דעפארטמענט באשטעטיגונג צו פינאנצירן ענערגיע אפארדעביליטי פראגראם פאר ניו יארקער מיט נידעריגע איינקונפט**

***ענערגיע דעפארטמענט באשטעטיגט פלאן פאר ניו יארק צו באקומען 'אינפלאציע רעדוקציע אקט' פינאנצירונג צו שטיצן ענערגיע שפארזאמקייט און ריינע ענערגיע מאדערניזירונגען***

***שטופט פאראויס גאווערנער'ס ציהל צו אנקומען צו צוויי מיליאן קלימאט-פריינטליכע היימער ביז 2030 און 'קלימאט געזעץ' ציהל צו רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס מיט 85 פראצענט ביז 2050***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די באשטעטיגונג פון ניו יארק'ס אפליקאציע פאר טייל פון די געלטער וואס זי קען באקומען פון די פאראייניגטע שטאטן ענערגיע דעפארטמענט'ס היים עלעקטריציטעט באנוץ און אפלייענסעס צוריקצאלונגען ('ריבעיטס') פראגראם (Home Electrification and Appliance Rebates, HEAR) 'פארמולע גרענט' פינאנצירונג. די באשטעטיגונג בויט ארויף אויף ניו יארק סטעיט'ס פארפליכטונג צו פארבעסערן היימער פון פאמיליעס מיט נידעריגע איינקונפט מיט די לעצטע שפארזאמקייט און ריינע ענערגיע מאדערניזירונגען וואס וועלן זיי מאכן באקוועמער און רעדוצירן ענערגיע קאסטן. די היינטיגע אנאנס שטיצט די סטעיט'ס ציהל אין דעם לאנד'ס-פירנדן "קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ" (Climate Leadership and Community Protection Act) צו רעדוצירן קלימאט-שעדיגנדע גאז עמיסיעס מיט 85 פראצענט ביז 2050, און עס שטופט פאראויס גאווערנער האקול'ס ציהל צו אנקומען צו צוויי מיליאן קלימאט-פריינטליכע היימער ביז 2030.

"ניו יארק שטייט אין שפיץ פון די אריבערגאנג צו מאדערנע, אפאָרדעבל און שפארזאמע היימער. מיט די פינאנצירונג פון דעם אינפלאציע רעדוקציע אקט, זענען מיר פאר מיט די אריבערגאנג צו אן אפאָרדעבל ריינע-ענערגיע צוקונפט וואס בענעפיטירט אלע ניו יארקער", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיר באדאנקען פרעזידענטביידן, סעקרעטאר גרענהאלם און די ניו יארקע קאנגרעסלייט פאר זייער שטיצע, און מיר זענען שטאלץ צו ארבעטן בשותפות מיט די ענערגיע דעפּארטמענט צו אויסנוצן די היסטארישע געלעגנהייט און בויען א געזונטערע צוקונפט פאר אלע ניו יארקער."

די אפליקאציע וואס איז אריינגעגעבן געווארן דורך די ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט (New York State Energy Research and Development Authority, NYSERDA) צו די פאראייניגטע שטאטן ענערגיע דעפארטמענט (Department of Energy, DOE) האט פארלאנגט 39.6 מיליאן דאלאר אין ערשטיגע פינאנצירונג וואס וועט ערלויבן NYSERDA'ס +EmPower פראגראם פאר מענטשן מיט נידעריגע איינקונפט צו צושטעלן נאך ענערגיע שפארזאמקייט און פארבעסערונגען דורכן אריבערגיין צו עלעקטריציטעט באנוץ, אויסברייטערנדיג די יעצטיגע כוח פון דעם פראגראם. ניו יארק סטעיט איז בארעכטיגט צו באקומען א סך הכל פון 317.7 מיליאן דאלאר דורך די DOE'ס IRA היים ענערגיע צוריקצאלונג פראגראמען: 159.3 מיליאן דאלאר פאר די היים

שפארזאמקייט צוריקצאלונגען (Home Efficiency Rebates) און 158.4 מיליאן דאלאר פאר דעם HEAR פראגראם.

בארעכטיגטע אייגנטימער פון היימער פון איין ביז פיר פאמיליעס וועלן קענען באקומען באדייטנדע דיסקאונטס, ביז 100 פראצענט פון די סך הכל קאסטן פון דעם פראיעקט פאר אינסולירונג און פארשטאפן לעכער, היט פאמפס פאר הייצונג פון צימערן און וואסער און סיי וועלכע עלעקטרישע מאדערניזירונגען וואס זענען נויטיג צו קענען אויסהאלטן די פארבעסערונגען. די אפליקאציע איז די ערשטע טריט ביים באקומען אינפלאציע רעדוקציע אקט (Inflation Reduction Act, IRA) פינאנצירונג פאר די פולע ליסטע פון IRA [היים ענערגיע צוריקצאלונג פראגראמען.](#) NYSERDA פלאנירט צו ארויסקומען מיט אויסגעברייטערטע IRA היים ענערגיע צוריקצאלונג פראגראם אפפערס שפעטער דאס יאר נאך די אפליקאציע פאר די פולע סומעס ווערן אריינגעגעבן און באשטעטיגט דורך די DOE.

NYSERDA ארבעט יעצט צו אנטוויקלען און אריינגעבן די פולע HEAR אפליקאציע צו ערמעגליכן צוריקצאלונג אפפערס פאר איינוואוינער מיט מיטלמעסיגע איינקונפט און פאר אייגנטימער פון גרעסערע אפארטמענט געביידעס מיט פאמיליעס מיט נידעריגע און מעסיגע איינקונפט, אריינרעכנענדיג צוריקצאלונגען פאר גאר שפארזאמע אפלייענס.

אין צוגאב, כדי צו אויסנוצן די פולע פעדעראלע פינאנצירונג וואס איז דא צו באקומען פאר ניו יארק סטעיט, וועט NYSERDA אפלייען פאר דעם היים שפארזאמקייט צוריקצאלונגען פראגראם וואס וועט ווייטער אויסברייטערן צוטריט פון איינוואוינער צו מאדערניזירונגען פאר היט (היץ) פאמפס און אנדערע ריינע, קארבאן-נידעריגע טעכנאלאגיעס.

**סענאט מאיאריטעט פירער טשארלס שומער האט געזאגט,** "דער אמביציעזער און איינפלוסרייכער היים עלעקטריציטעט באנוץ און אפלייענס צוריקצאלונגען פראגראם, געשאפן דורך דעם היסטארישן אינפלאציע רעדוקציע אקט, איז א געווינס פאר אלע צדדים וואס וועט איינשפארן געלט פאר באניצער אויף ענערגיע בילס, רעדוצירן פארפעסטיגונג וואס פאראורזאכט קלימאט טויש און שטופן פאר ענווייראמענטאלע גערעכטיגקייט. די 158 מיליאן דאלאר אין פעדעראלע פינאנצירונג וועט העלפן ניו יארקער מיט נידעריגע איינקונפט זיך שפארן אויף ענערגיע בילס און רעדוצירן פארפעסטיגונג דורכן ערזעצן שמוציגע און נישט שפארזאמע אפלייענסעס מיט מאדערנע ענערדזשי יוניטס. דער היים עלעקטריציטעט באנוץ און אפלייענס צוריקצאלונגען פראגראם איז נאך א געוואלדיגע ביישפיל פון די טיף איינפלוסרייכע פאליסיס וואס זענען אריינגעבויט אין די הארץ פון דעם אינפלאציע רעדוקציע אקט צו רעדוצירן עמיסיעס בשעת'ן שטופן פאר ענווייראמענטאלע גערעכטיגקייט און אויפטרייבן מער אינוועסטירונג אין ריינערע טעכנאלאגיעס. איך בין שטאלץ צו אהערשטעלן די פינאנצירונג, און איך וועל פארזעצן צו קעמפן צו אראפנידערן פארפעסטיגונג און שפארן קאסטן כדי צו אריינפירן ניו יארק צו א געזונטערע צוקונפט."

**קאנגרעסמאן ניידיע מ. וועלאזקעז האט געזאגט,** "דער היים עלעקטריציטעט באנוץ און אפלייענס צוריקצאלונגען פראגראם וועט נישט נאר העלפן באקעמפן קלימאט טויש און אריינברענגען מער קלימאט גערעכטיגקייט פאר אונזערע קאמיוניטיס, נאר עס וועט אויך אראפנידערן קאסטן פון ארבעטנדע פאמיליעס אריבער די סטעיט. די פינאנצירונג וועט העלפן מאכן ניו יארקע הויזגעזינדער מער ענערגיע-שפארזאם און צושטעלן באדייטנדע איינגעשפארטע קאסטן, און איך בין באגייסטערט צו זעהן די פאזיטיווע ווירקונגען פון דעם פראגראם אויף מיין דיסטריקט. איך בין שטאלץ געווען צו שטיצן די אויפשטעלונג פון דעם פראגראם דורך דעם אינפלאציע רעדוקציע אקט, און איך באדאנק פרעזידענטביידן און גאווערנער האקול פארן דאס ערמעגליכן."

**קאנגרעסמאן פאול טאנקאו האט געזאגט,** "איך האב געהאלפן קעמפן פאר די פראגראמען אין דעם אינפלאציע רעדוקציע אקט ווייל איך ווייס אז צוריקצאלונגען קענען זיין מאכטפולע כלים צו ערמעגליכן מענטשן צו פארבעסערן זייערע היימער און מאדערניזירן זייערע אפלייענסעס איינשפארנדיג גרויסע געלטער אויף ניו יארקער'ס ענערגיע בילס. איך בין אזוי שטאלץ אז ניו יארק וועט פארזעצן צו אריינפירן דאס לאנד צו א ריינערע, מער אפאָרדעבעל ענערגיע צוקונפט, און איך קוק ארויס צו שטיצן די סטעיט'ס באמיאונגען צו ברענגען די געלטער צו באקומען פאר ניו יארקער ווי שנעלער מעגליך."

**קאנגרעסמאן דזשאָו מארעלי האט געזאגט,** "צו פיל פאמיליעס האבן געפילט די דרוק פון וואקסנדע קאסטן. פון העלטקעיר ביז פרעסקריפּשען מעדיצינען און ביז הייצונג און קילונג פאר זייערע היימער, זענען מענטשן געצווינגען געווארן צו איינציהען זייערע אויסגאבן צו קענען באצאלן פאר זייערע בילס. מיט די שטיצע פון פעדעראלע געלטער וואס איך האב פארזיכערט אלס טייל פון דעם אינפלאציע רעדוקציע אקט, וועט דער נייער ענערגיע דעפּארטמענט פראגראם העלפן זיכער מאכן אז מענטשן'ס היימער זענען מאדערניזירט מיט ענערגיע-שפארנדע און קאסטן-שפארנדע טעכנאלאגיעס, דאס אלעס פאר א רעדוצירטע קאסט. איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער האקול פאר איר פירערשאפט, און איך קוק ארויס צו מער געלעגנהייטן צו ארבעטן צוזאמען און אויפהייבן פאמיליעס אין מאנראו קאונטי און אריבער ניו יארק סטעיט."

**קאנגרעסמאן פעט רייען האט געזאגט,** "עס טאר נישט זיין אז קיין איין פאמיליע זאל דארפן מאכן אן אויסוואהל צווישן באצאלן פאר גראסעריס און האלטן זייערע היימער ווארעם אין די ווינטער. די דירעקטע פארלייכטערונג פון דעם אינפלאציע רעדוקציע אקט וועט זיין א מהפכה פאר פאמיליעס אריבער די האדסאן וואלי. איך וועל פארזעצן צו קעמפן צו ברענגען די אינוועסטירונגען דא אהער צו די האדסאן וואלי צו העלפן פארגרינגערן די דרוק אויף שווער-ארבעטנדע פאמיליעס היינט, בויען די שאץ פון זייערע היימער פאר די צוקונפט און שאפן א ריינערע סביבה פאר פילע קומענדיגע דורות."

**NYSERDA פרעזידענט און CEO, דאָרין מ. העריס, האט געזאגט,** "מיר זענען באגייסטערט ביז גאר צו קענען אויסברייטערן NYSERDA'ס ערפאלגרייכן +EmPower פראגראם פאר איינוואוינער מיט נידעריגע איינקונפט מיט די באשטעטיגונג פון ניו יארק'ס היים ענערגיע עלעקטריציטעט באנוץ און אפּלייענס צוריקצאלונג אפליקאציע. אונטער די סטעיט'ס קלימאט געזעץ, האבן מיר זיך פארפליכטעט צו זיכער מאכן אז אלע ניו יארקער בענעפיטירן פון ריינע ענערגיע אינוועסטירונגען, און דאס איז א וויכטיגע ערשטע טריט אין ריכטונג פון באפולמעכטיגן אונזערע שוואכסטע באפעלקערונגען צו מאכן וועזנטליכע ענערגיע שפארזאמקייט פארבעסערונגען וואס וועלן מאכן זייער היים זיכערער און באקוועמער צו וואוינען."

**פרעזידענט פון Building Performance Contractors Association of NYS, העל סמיט, האט געזאגט,** "די BPCA פון NYS איז גאר באגייסטערט צו אנהויבן די ארבעט אויף דעם געוואלדיגן פראגראם. דאס איז געוואלדיגע נייעס פאר אלע קאנטראקטארס וואס מאכן ענערגיע-שפארזאמע פארבעסערונגען פאר ניו יארקער מיט נידעריגע איינקונפט. דאס וועט אונז ערלויבן צו טוהן פיל מער פאר די ציהל פון קלימאט-פריינטליכע היימער."

**דירעקטאר פון New York State Policy for Rewiring America, מייקעל הערנאנדעז, האט געזאגט,** "ניו יארק דארף אפלאדירט ווערן פארן זיין די ערשטע אינעם לאנד צו אוועקשטעלן א היים עלעקטריציטעט באנוץ און אפלייענס צוריקצאלונגען פראגראם ערמעגליכט דורך דעם היסטארישן אינפלאציע רעדוקציע אקט. די היסטארישע אינוועסטירונג וועט העלפן אראפנידערן ענערגיע בילס און שאפן געזונטערע, באקוועמערע היימער פאר די וואס דארפן דאס די מערסטע און זיכער מאכן אז אלע ניו יארקער, אפגעזעהן פון איינקונפט, האבן די געלעגנהייט צו געניסן פון די בענעפיטן פון גאר ווירקזאמע, ענערגיע-שפארנדע אפלייענסעס."

געביידעס זענען די מערסט-באדייטנדע מקורות פון קלימאט-שעדיגנדע גאז עמיסיעס אין ניו יארק סטעיט, און דורך NYSERDA און יוטיליטי פראגראמען ווערן איבער 6.8 ביליאן דאלאר אינוועסטירט צו אראפנעמען געביידעס פון קארבאן. דורכן פארבעסערן ענערגיע שפארזאמקייט אין געביידעס און שטופן פאר די אינסטאלאציע פון אויפן-ארטיגע סטארעדזש אריבער די סטעיט, ריינע ענערגיע מיטלען און עלעקטרישע קארן טשארדזשינג עקוויפמענט, וועט די סטעיט רעדוצירן איר קארבאן פארפעסטיגונג און זיך רוקן אין ריכטונג פון איר אמביציעזע ציהל צו רעדוצירן אויפן-ארטיגע ענערגיע באנוץ מיט 185 טריליאן BTU ביז 2025, גענוג צו צושטעלן עלעקטריציטעט פאר 1.8 מיליאן היימער.

**ניו יארק סטעיט'ס לאנדס-פירנדע קלימאט פלאן**

ניו יארק סטעיט'ס קלימאט אגענדע רופט פאר א מסודר'דיגע און יושר'דיגע אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע אויף א פארנעם וואס שאפט נייע דזשאבס וועלכע ערמעגליכן ארבייטער צו אויסהאלטן א פאמיליע, עס זעצט פאר צו שטיצן א גרינע עקאנאמיע אין אלע סעקטארן און פארזיכערט אז צום וויניגסטנס 35 פראצענט – שטרעבנדיג צו 40 פראצענט – פון די בענעפיטן פון ריינע ענערגיע אינוועסטירונגען קומען אן צו שוואכערע קאמיוניטיס. ווערנדיג געוויזן די וועג דורך טייל פון די לאנד'ס מערסט-אגרעסיווע קלימאט און ריינע-ענערגיע אינציאטיוון, שטופט ניו יארק פאראויס א רייע פון באמיאונגען – אריינרעכענענדיג דער ניו יארק עמיסיע באגרעניצונג אינוועסטירונג (New York Cap-and-Invest, NYCI) פראגראם און אנדערע באגלייטנדע פאליסיס – צו דערגרייכן א 40 פראצענט רעדוקציע אין שעדליכע גאז עמיסיעס ביז 2030, און א 85 פראצענט רעדוקציע ביז 2050, אראפ פון די שטאפלען וואו עס איז געווען אין 1990. ניו יארק איז אויך אויף די רעלסן צו ערגרייכן איר ציהל צו האבן אן עמיסיע-פרייע עלעקטריציטעט סעקטאר ביז 2040, אריינרעכענענדיג צו אנקומען צו 70 פראצענט פון ענערגיע ווערנדיג אויפגעטריבן פון ריינע מקורות ביז 2030, און צו אנקומען צו א קארבאן-נייטראלע עקאנאמיע ביז די מיטן פון די יאר-הונדערט. א צענטראלע חלק פון די אריבערגאנג זענען ניו יארק'ס פרעצענדענטלאזע אינוועסטירונגען אין ריינע ענערגיע, אריינרעכענענדיג איבער 40 ביליאן דאלאר אין 64 גרויסארטיגע ריינע ענערגיע און עלעקטריציטעט דראטן פראיעקטן איבערן סטעיט, 6.8 ביליאן דאלאר צו רעדוצירן עמיסיעס פון געביידעס, 3.3 ביליאן דאלאר צו פארגרעסערן די מאס פון סאלאר ענערגיע, כמעט 3 ביליאן דאלאר פאר ריינע טראנספארטאציע אינציאטיוון און איבער 2 ביליאן דאלאר אין ניו יארקע גרינע באנק פארפליכטונגען. די און אנדערע אינוועסטירונגען שטיצן מער פון 170,000 דזשאבס אין ניו יארק'ס ריינע ענערגיע סעקטאר זינט 2022 און א 3,000 פראצענטיגע וואוקס אין די דיסטריביוטעד סאלאר סעקטאר זינט 2011. כדי צו רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס און פארבעסערן די קוואליטעט פון די לופט, האט ניו יארק אריבערגעפירט עמיסיע-פרייע קארן רעגולאציעס, אריינרעכענענדיג די פאדערונג אז אלע נייע פאסאנזשיר קארן און טראקס וועלכע ווערן פארקויפט אין די סטעיט זאלן זיין פריי פון עמיסיעס ביז 2035. שותפות'ן גייען ווייטער אן צו פאראויס שטופן ניו יארק'ס קלימאט שריט, מיט מער פון 400 רעגיסטרירטע און מער פון 130 סערטיפייד 'קלימאט-קלוגע' קאמיוניטיס, כמעט 500 ריינע-ענערגיע קאמיוניטיס און די סטעיט'ס גרעסטע קאמיוניטי לופט נאכפאלגונג אינציאטיוו אין 10 שוואכערע קאמיוניטיס אריבער די סטעיט צו העלפן ציהלן לופט פארפעסטיגונג און באקעמפן קלימאט טויש.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: [ny.gov/signup](https://ny.gov/signup) | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

[זיך ארויסשרייבן]()